

זייט געזונט / ח. איליאוויטש

# א פארשלעפטע קרענק

אפרים, א קלוג און באַ'חנ'ט בר מצוה בחור'ל, האט אנגעהויבן ליידן אויף "סיזשורס" ל"ע אלס פינף יעריג קינד. דער דאקטאר האט נישט געקענט פעסטשטעלן דעם גורם דערצו, אדער טרעפן א לעזונג צום ביטערן פראבלעם וואס האט אים געפלאגט אכט לאנגע יארן.

איבער צוואנציג ערליי מעדיצינען זענען אויסגעפרואווט געווארן דורך די גרעסטע דאקטוירים, אבער אן ערפאלג. דאס קינד איז נעבעך דורכגעגאנגען אן ערנסטע מח אפעראציע, אבער אויך דאס האט גארנישט געווירקט. מען איז געווען מיט אים אין באסטאן און אין פלארידע, זיך באראטן מיט די גרעסטע ספעציאליסטן אין אייראפע, אבער קיינער האט נישט געקענט לעזן די מיסטעריע פון וואו די סיזשורס נעמען זיך, אדער ווי אזוי עס צו היילן, אדער אפילו נאר אביסל קאנטראלירן. די עלטערן האבן אויסגעווייקט זייערע תהלים'לעך בייטאג און ביינאכט, האפנדיג אויף א ישועה מן השמים.

אין צווייטן עק שטאט האט פייגי, א זיס מיידעלע, גענומען ליידן פון פלוצלינגדיגע סיזשורס. די אטאקעס פלעגן איר באטרעפן זייער אפט, כאטש צען מאל טעגליך, און אפטמאל יעדע צען מינוט ל"ע. נאכ'ן זיך פלאגן אכט חדשים - נישט אכט יאר ב"ה, אבער אין אזעלכע שרעקליכע אומשטענדן איז יעדער טאג ווי א יאר - האט די מאמע געהערט פון איינעם אז דאס קען זיין א סימפטאם פון ליים דיזיז. זי האט זיך פארבונדן מיט יש תקוה, די ארגאניזאציע וואס העלפט פאציענטן מיט ליים דיזיז, און באקומען אנווייזונגען ווי אזוי דאס צו טעסטן.

די טעסטס האבן געוויזן פאזיטיוו, און מען האט באלד אנגעהויבן א פאסיגע באהאנדלונג. נאך עטליכע וואכן אויף מעדיצינען, זענען די סיזשורס רעדוצירט געווארן צו בלויז איין-צוויי אטאקעס א טאג, און עס ווערט ב"ה כסדר בעסער און בעסער.

צום נייעם שול-יאר, האט די מאמע איינגעזען אז דאס קינד דארף האבן א באגלייטערין וואס זאל זיצן מיט איר אין קלאס, צוליב איר געזונט צושטאנד. זי האט זיך פארבונדן מיט אן ארגאניזאציע וואס שטעלט צו אזעלכע הילף, און די סעקרעטארין, מרס. פריעד, האט אויסגעהערט די פרטים פונעם מצב.

הערנדיג דאס ווארט "סיזשורס" האט זי איר באווארפן מיט פראגן. "וועלכע סארט סיזשורס? ווי לאנג האלט עס אן? זייט ווען? ווי אזוי האט זיך עס אנגעהויבן?"

פייגי'ס מאמע האט זיך געוואונדערט פארוואס זי דארף דורכגיין אזא קרייץ-פארהער צו באקומען די נויטיגע הילף. "איך האב א ברודער, א יונג בחור'ל, וואס פלאגט זיך יארן לאנג מיט סיזשורס," האט מרס. פריעד זיך פארענטפערט, "דערפאר פרעג איך אויס אייערע פרטים צו זען אויב איך קען עפעס קלוגער ווערן."

פייגי'ס מאמע האט איר דערציילט וועגן דעם ליים דיזיז דיאגנאז, און אנגעוויזן וואו צו גיין און וועלכע טעסטס צו מאכן. ביז געציילטע טעג האט אפרים באקומען די פאזיטיווע רעזולטאטן!

די תפילות פון די צובראכענע עלטערן זענען געענטפערט געווארן. דער יד השם האט וואונדערליך צונויפגעברענגט די קרובות פון די צוויי מיטגעמאכטע קינדער. אפרים האט ענדליך באקומען דעם ריכטיגן דיאגנאז, און מיט דער פאסיגער באהאנדלונג וועט ער בעז"ה בקרוב האבן א רפואה שלימה.

דער וואונדערליכער פאל פון השגחה פרטית האט פאסירט אין די נארוואס-פארגאנגענע עשרת ימי תשובה. אבער וויפיל אזעלכע אפרים'לעך און פייגעלעך, און טאטעס און מאמעס, מוטשען זיך מיט סיזשורס און אנדערע מח און מוסקל קראנקהייטן, מאגן פראבלעמען, שוואכקייט און יסורים, און ווייסן נישט פון ליים דיזיז?

״א נייע מאדע, א נייע קרענק,״ האט דער רבי ר׳ מענדעלע רימינאווער זי״ע געזאגט. זעט אויס אז וואן די מאדעס בייטן זיך שנעלער, פארשנעלערן זיך אויך די נייע קרענק ר״ל, פון לעבנסדראענדע אלערגיעס ביז געפערליכע אנטצינדונגען. ליים דיזיז טרעפט זיך נאר אין אמעריקע, און דוקא אין די אידישע געגנטן און קאנטריס פון אפסטעיט ניו יארק. יא, עס נעמט זיך פון די טיקס, די פיצלעך שרצים וועלכע לעבן אויף די הערשן וואס דרייען זיך אין אונזערע געגנטן, אבער מיר ווייסן אז קיין צופאל איז נישטא און דאס דארף זיין א דערוועקונג פאר אונז אידן. מיר דארפן אבער טון השתדלות דאס צו פארמיידן, דיאגנאזירן און היילן בעז״ה.

דאס וויכטיגסטע איז צו פארשפרייטן אינפארמאציע וועגן דער קרענק. ווייבאלד די סימפטאמען קענען זיין אזוי פארשידן, און די מעדיצינישע וועלט איז נאך אזוי רוי און אומבאקאנט אין דער דיאגנאז און באהאנדלונג, מוז דער פאציענט אליין, אדער די משפחה, וויסן דערפון און זיך אריינלייגן דעריין. אט דער געברויך ווערט ערפילט דורך ״יש תקוה״ ריין לשם מצוה, דינענדיג אלס א פרישער קוואל פון אינפארמאציע אין א ים פון מיסאינפארמאציע.

## ״די קרענק וואס ווערט פאראורזאכט פון א טיק.״

ס'האט זיך אנגעהויבן ווי א פשוט'ע פארקילונג. שיינדל, א מאמע פון א קינדער-געבענטשטע שטוב, האט איינגענומען מאטרין און איז געגאנגען איינקויפן לכבוד שבת. אהיימגעקומען איז זי מיט א מעכטיגער קאפווייטאג, וואס האט, צו איר שרעק, פארשפרייט א געלעמטקייט אויף איין זייט פון איר קערפער. דאס איז נישט קיין גלאטער ווירוס, האט זי פארשטאנען, און איז אריין אין שפיטאל.

זי איז דורכגעגאנגען א רייע טעסטס, אבער מען האט גארנישט געטראפן. ״דאס קען זיין פון איבערשטרענגונג,״ האט מען איר געזאגט. שיינדל האט אבער געשפירט אז דאס איז פיל מער.

פון יענעם טאג אן, איז שיינדל נישט געווען די זעלבע. עס זענען געווען בעסערע טעג און שוואכערע טעג. מאדנע סימפטאמען, פיזישע און גייסטיגע, זענען געקומען און געגאנגען. דא איז עס געווען טי-עם-דזשעי, דא אן אנטצינדונג אין די שטים-בענדער, דערנאך האט זי געפילט פארנעפלט און שווינדלדיג, די אויגן האבן נישט געקענט פאקוסן, זי האט זיך נישט געקענט קאנצענטרירן צו טון טאג טעגליכע פליכטן ווי קאכן נאכטמאל און צאמשטעלן אן איינקויף ליסטע.

אפשר בין איך פשוט איינגערעדט? האט זי זיך אויפריכטיג געפרעגט, צוריקקומענדיג ווידער פון דאקטאר אן קיין קראנטער דיאגנאז. זי האט פרובירט זיך צו שטארקן אויף די שוואכקייטן, אפשר אזוי וועט עס פארשוואונדן ווערן. מיט גרויס פלאג און אנשטרענגונג האט זי געשטופט א טאג נאך א טאג, אויספירנדיג אירע פליכטן טראץ די יסורים אין אלע אירע ביינער. פאר א נאנטע שמחה האט זי זיך דערמאנט מיט בענקשאפט אין די עלעגאנטע קוכנס וואס זי פלעגט אזוי מייסטערהאפטיג צושטעלן. יענעם טאג איז זי אויפגעשטאנען מיט אביסל מער כח, און זי האט זיך גענומען צום מיקסער מיט אימפעט. זי וועט זיך איבערצייגן איינמאל פאר אלעמאל אז ס'פעלט איר גארנישט!

דער קוכן איז ארויס וואונדערבאר. זעט אויס אז זי איז נישט באמת קראנק. אבער וואן צומארגנס האט זי אנגעהויבן שפירן א דרוק ביים הארץ מיט שטארקע הארצקלאפעניש איז זי ווידער צעמישט געווארן. זי האט זיך אבער ווייטער געשטארקט, און זיך אפילו אנגעשטרענגט פארצוזעצן מיט אירע חסד טעטיגקייטן.

איין טאג, ארויסהעלפנדיג אין א שטוב מיט א צווילינג, האט זי געפילט א שווערער קאפווייטאג, ווי עפעס דריקט אראפ אויף איר קאפ. זי איז געגאנגען צום דאקטאר מיט דער האפנונג אז יעצט, מיט א קראנטער סימפטאם און נישט בלויז שוואכקייט, וועט מען ענדליך דערטאפן וואס דאס איז. זי האט זיך געראכטן אויפ'ן ערגסטן ל״ע, נאר זאל מען שוין הערן איינמאל פאר אלעמאל וואס דאס איז!

דער דאקטאר האט באשלאסן אז ס'איז א סיינוס אינפעקציע און פארשריבן א הויכע דאזע אוגמענטין. נאך אכט טעג(!) עס נעמען טעגליך צוזאמען מיט מאטרין, האט זי זיך ענדליך גענומען שפירן בעסער. צוויי וואכן האט די בעסערונג אנגעהאלטן, דערנאך האבן זיך אויפגעוועקט נייע סימפטאמען. מאגן פראבלעמען, שטייפע מוסקלען, שווינדלונג... זי האט מורא געהאט ארויסצוגיין אין גאס. ביי יעדן טריט האט זי געשפירט ווי זי פארלירט איר גלייכגעוויכט.

ווידער האט מען געמאכט אלערליי בלוט טעסטן, פארדעכטיגט די ערגסטע מחלות ל״ע, אבער גארנישט געטראפן. ניין, ס'איז נישט מאנא, און קיין שום אנדער פיזישער פראבלעם קומט נישט אפיר. מסתמא דארף זי פשוט אביסל רוה. איי, זי שטייט אויף מיד נאך ניין שעה שלאף? אבער וואס טוט מען נישט פאר'ן געזונט? מען האט צעטיילט די קינדער, אוועקגעפארן אין א האטעל, אבער אויך דארט איז די שוואכקייט נאכגעלאפן ווי א שווארצער שאטן. זי האט ממש נישט געקענט ארויפגיין די שטיגן אן הילף. ווער ווייסט, אפשר איז עס טאקע בלויז שרעק, אנגסט און אנגעצויגנקייט? אפשר וועט אביסל אנטי-ענקזייעטי מעדיצין באווייזן וואונדער?

באלד נאך איר אומגעלונגענער וואקאציע, האט שיינדל אנגערופן דעם דאקטאר וועגן איר פארדאכט. ״איך ווארט נאך אויף עפעס רעזולטאטן פון די פריערדיגע בלוט טעסטס, דערנאך וועלן מיר רעדן,״ האט דער דאקטאר געזאגט.

א טאג שפעטער רופט איר דער דאקטאר



## דער גורם

ליים איז א שטעטל אין קאנעטיקוט מיט וועלדלעך ארום. אין יאר תשל"ה האט זיך דארט אנגעהויבן א "מגיפה", מערסטנס ביי קינדער, פון קאפ-שמערצן, אויסשלאגן, און יסורים און שטייפקייט אין די ביינער. איין פרוי, וועמענ'ס מאן און צוויי קינדער האבן שוין געמוזט גיין אויף שטעקנס, האט זיך פארבונדן מיט'ן שטאטישן געזונטהייטס אמט.

און עפידעמיאלאג איז אראפגעקומען אין ליים שטודירן די נייע קרענק. ער האט דארט געטראפן 39 קינדער און 12 דערוואקסענע מיט געשוואלענע, שמערצליכע געלענקן. אין וואלדיגן געגנט האט איינס פון יעדע צען קינדער געליטן פון די סימפטאמען, וועלכע זענען ערשינען זומער אדער הערבסט צייט. אפשר קומט עס פון אן אינזעקט ביס? ווען ער האט אויסגעפרעגט די פאציענטן, האבן טייל דערמאנט אן אומגעוועהנליכער אויסשלאג וואס איז ערשינען עטליכע וואכן פאר די סימפטאמען. אין יאר תשל"ז האט איין פאציענט אים געברענגט דעם שרץ וואס האט אים געביסן: א הערש טיק.

דער טיק האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אנגעשטעקט מיט א געוויסע באקטעריע וואס מאכט נישט קראנק דעם הערש אויף וועמען עס לעבט, נאר די מענטשן וועמען עס בייסט. אין יענע יארן האט זיך ליים דיזיז געטראפן נאר אין וואלדיגע געגנטן ווי נייטרא און קאשוי. לעצטנס, אבער, האבן זיך די הערשן גענומען מערן אזוי ווייט אז זיי שפאצירן פראנק און פריי אין די באוואוינטע גאסן פון מאנסי און ארום, און אודאי אין די קאנטריס.

צוריק. "באמת האב איך שוין אויך געמיינט אז ס'איז הוילע איינרעדעניש, אבער יעצט זע איך אז דו האסט ליים דיזיז!"

"ליים דיזיז?! איך האב קיינמאל נישט געזען קיין טיק אדער באקומען אן אויסשלאג!"

די בלוט טעסט האט אבער (ענדליך!) געוויזן שווארץ אויף ווייס אז דאס איז דער שורש פון אלע אירע סימפטאמען. דער דאקטאר האט איר גלייך פארשריבן פיר וואכן אנטיביאטיק. נאך א וואך-צוויי האט זי זיך אנגעפאנגען שפירן אביסל בעסער, אבער ביים אויפהערן די אנטיביאטיק האבן זיך די סימפטאמען צוריק ערוועקט.

שיינדל איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז זי דארף זיך אליין ארייננלייגן אין דעם און אויספארשן די מחלה און איר היילונג. זי האט זיך פארבונדן מיט עטליכע בארימטע מעדיצינישע עסקנים, אבער זיי האבן נישט געוואוסט קיין סאך מער ווי איר. איין עסקן האט איר געזאגט, "וואס מער איך הער וועגן ליים דיזיז, ווער איך אלץ מער צעמישט." אן אנדערער האט איר געשיקט צו אן אינפעקציע ספעציאליסט אין מאונט סיני שפיטאל.

"דיינע סימפטאמען האבן שוין מער גארנישט צו טון מיט ליים," האט דער פראפעסאר געפסק'נט. "דו ביסט געזונט און פריש."

אן אנדער דאקטאר האט כאטש געהאט די אנשטענדיגקייט מודה צו זיין, "מיר ווייסן נישט צופיל וועגן ליים דיזיז. די קרענק איז ערשט לעצטנס פארשפרייט געווארן און מיר האבן ווייניג געלערנט דערוועגן אין דער מעדיצינישער שולע."

שיינדל איז אהיימגעקומען צובראכן און מוטלאז. בהשגחה פרטית האט א באקאנטע איר געזאגט וועגן יש תקוה. מיט זייער הילף, איז זי אנגעקומען צום ריכטיגן דאקטאר. מיט א באהאנדלונג פון מעדיצינען צוזאמען מיט נאטירליכע מיטלען, האט שיינדל אנגעהויבן זען א שינוי. "איך בין געגאנגען פאראויס און אויך צוריקגעפאלן עטליכע מאל, אבער א יאר שפעטער, בין איך ב"ה פולקאם געזונט און שטארק!"

שיינדל'ס געשיכטע איז ווייט פון אן אויסנאם. אבער וויבאלד כראנישע ליים דיזיז איז אזא קאמפליצירטע קרענק צו דיאגניזירן און פעסטשטעלן, און די סימפטאמען זענען אזוי פארשידן, זענען די פערזענליכע געשיכטעס פון די פאציענטן אויך שטארק פארשידן.

וואס איז כראנישע ליים דיזיז? ווי אזוי קען מען עס דערקענען? "כראנישע ליים דיזיז איז די קרענק וואס ווערט פאראורזאכט פון א טיק," האט זיך אויסגעדריקט איינער פון די גרעסטע מומחים אויפ'ן פעלד. "נישטא קיין מער ספעציפישע שילדערונג."

### א "שוואכער" בחור

מאיר איז געווען א בחור א מתמיד, באמת א כלי מפואר וועמענ'ס נאמען האט געקלונגען אין דער גאנצער ישיבה. איין טאג האט ער גענומען הינקען, שלעפנדיג א פוס. ער איז אויך געווען אויסטערליש מיד און נישט געקענט ארויסקריכן פון בעט אינדערפרי. זיין געמיט איז שטארק געפאלן, און פון א לעבעדיגער, פרייליכער בחור איז געבליבן א צוריקגעצויגענער, מאטער שאטן. דער מתמיד וואס האט זעלטן פארשפעטיגט דעם פארטאגס שיעור איז געבליבן שלאפן ביז די מאמע האט אים ארויסגעשלעפט פון בעט. די עלטערן זענען געווען אויסער זיך. וואס קען עס זיין? א זעלישער בראך? א שלעכטער חבר אדער שעדליכע השפעה? סתם א בחור'ישער דורכגאנג?

איין טאג האט דער מגיד שיעור אנגערופן די באזארגטע עלטערן. "אפשר זאלט איר אים אונטערזוכן פאר ADHD?" האט ער פארגעשלאגן. "ער האט לעצטנס אנטוויקלט סימפטאמען וואס ענדלען צו דעם. ער קען נישט איינזיצן, ער קען זיך נישט קאנצענטרירן אויפ'ן שיעור, ער פארגעסט..."

די פארקלעמטע עלטערן רייסן זיך די האר פון קאפ. וואס האט פאסירט מיט זייער גרעאטענעם זון? א קרובה האט פארגעשלאגן אז עס קען אפשר זיין ליים דיזיז, וואס האט אפטמאל ניוראלאגישע סימפטאמען. ווען דער דאקטער האט פארשריבן בלוט טעסטן ביים קומענדיגן באזוך, האט די מאמע אים געבעטן ער זאל אים אויך טעסטן פאר ליים דיזיז.

"וואס עפעס ליים דיזיז?" האט דער דאקטאר געלאכט. "ווי אזוי קען א פראבלעמאטישע אויפפירונג שטאמען פון א באקטעריע אנטצינדונג?"

ער האט אבער דאך צוליב געטון די עלטערן. די טעסט איז צוריקגעקומען נעגאטיוו. די מאמע, וויסנדיג וואס צו זוכן, האט באטראכט די טעסט רעזולטאטן און געזען אז איין ציפער ווייזט אויף א מעגליכע ליים דיזיז אנדייטונג. דער דאקטאר האט מסביר געווען אז יענער ציפער איז טאקע פאזיטיוו פאר ליים, אבער לויט'ן מעדיצינישן פראטאקאל דארף אויך אן אנדער טעסט זיין פאזיטיוו כדי צו דיאגנאזירן ליים. ער האט זיך אנטזאגט צו געבן אנטיביאטיק.

די מאמע האט אבער געפילט אז זי האלט דעם עק פונעם שטריק וואס שטיקט איר זון ביים האלז אזויפיל פיינפולע חדשים. זי האט זיך אריינגעווארפן אין דער סוגיא און איז דערגאנגען אז ס'איז דא גרויסע חילוקי דעות צווישן די דאקטוירים, און לויט איין שיטה איז איר זון'ס פאל פאררעכנט אלס ריכטיגער ליים.

נאך פיל בקשות האט דער דאקטאר צוגעשטימט צו פארשרייבן אביסל אנטיביאטיק. נאך עטליכע טעג אויף מעדיצין, האט זיך דער פוס ווייטאג אויפגעהערט און מאיר האט געקענט גיין נארמאל, אבער ווי נאר ער האט אויפגעהערט די אנטיביאטיק, איז עס צוריקגעקומען. דער דאקטאר האט פארשריבן נאך דריי וואכן אנטיביאטיק, און דאס זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט. די סימפטאמען זענען צוביסלעך געווארן בעסער, אבער נאכ'ן אויפהערן די מעדיצין איז אלעס צוריקגעקומען. די ניוראלאגישע סימפטאמען האבן בכלל נישט צו גוט רעאגירט צו די אנטיביאטיק.

ווען דער דאקטאר האט מער נישט געוואלט פארשרייבן אנטיביאטיק, איז מען געלאפן צו נאטירליכע דאקטוירים. מאיר האט זיך גענומען שפירן אביסל בעסער, אבער בלויז אביסל.

און דא האבן די פארצווייפלטע עלטערן געהערט פון "יש תקוה". מאיר איז געגאנגען צו א ליים דיזיז ספעציאליסט וואס האט דורכגעפירט א רייע גרינטליכע טעססטס. איין טעסט האט געוויזן פאזיטיוו פאר אן אנדער באקטעריע וואס קומט אפטמאל צוזאמען מיט ליים! דער דאקטאר האט פארשריבן דריי שארפע מעדיצינען.

מאיר האט רעאגירט זייער שלעכט צו די מעדיצינען און איז שטארק צוריקגעפאלן. דער דאקטאר האט עס אנגענומען אלס א גוטער סימן. "די באקטעריע קריכן ארויס פון די צעלן און קעמפן מיט די אנטיביאטיק," האט ער זיי געמוטיגט. "דאס מאכט זיך אפט ביי א פאציענט וואס האט געהאט ליים דיזיז א לאנגע צייט. ס'וועט בעסער ווערן ביז צוויי וואכן."

כך הווה. נאך צוויי וואכן האט זיך מאיר אנגעהויבן שפירן דראסטיש בעסער. צום ערשטן מאל אין לאנגע חדשים האבן זיינע עלטערן דערקענט זייער קינד, דער אמאליגער מאיר.

## די "עקספערטן"

אזעלכע פעלער ווי די אויבנדערמאנטע (ביי וועלכע בלויז די מינדערוויכטיגע פרטים זענען געענדערט געווארן) שפילן זיך ליידער אפ טאג טעגליך. די פאציענטן האבן קיינמאל נישט באמערקט דעם טיק וואס האט זיי אנגעשטעקט. ווען מען באמערקט יא א טיק, דארף מען עס ריכטיג באהאנדלען און זיין שטארק אויפמערקזאם צו סיי וועלכע סימפטאמען וואס קענען אנדייטן ליים דיזיז.

מרס. שווארץ איז געזעצן אין קאנטרי אונטער'ן בוים ווען איר זיבן יעריגע גיטי איז געקומען צולויפן פון דעי קעמפ. ווען איר מאמע האט זיך צוגעבויגן צו איר, האט זי באמערקט א פינטעלע הינטער איר אויער. זי האט פרובירט עס אראפצוקראצן, אבער ס'איז נישט געגאנגען. "ס'איז א טיק!" האט זי זיך געכאפט.

די מאמע איז גלייך געלאפן מיט איר צו דער נורס אין קעמפ קעגנאיבער. די נורס האט ארויסגענומען דעם טיק און עס געווארפן אין מיסט. "דאס אלעס?" פרעגט די מאמע. "מ'דארף עס נישט אונטערזוכן?"

"ס'איז זיכער גארנישט," בארואיגט איר די געטרייע נורס לויט'ן אנגענומענעם מעדיצינישן פראטאקאל. "רוב טיקס זענען נישט אנגעשטעקט מיט ליים דיזיז, און אפילו אויב יא קענען זיי נאר איבערגעבן די קרענק אויב זיי זענען אויפ'ן מענטש 72 שעה. ס'זעט נישט אויס ווי דער טיק איז דא געווען אזוי לאנג."

משפחת שווארץ איז שוין צוריק אין שטאט, און גיטי איז צוריק אין שולע. די הייליגע טעג זענען שוין פארביי, און חנוכה שטייט שוין ביים

### די סימפטאמען

אויב מען זעט דעם טיק אדער אויסשלאג און מען באהאנדלט עס גלייך מיט אנטיביאטיק, ווערט מען בעז"ה געווענליך אויסגעהיילט ביז א פאר וואכן. אבער נישט אלעמאל בלייבט דער טיק, און נישט אלעמאל ווערט אן אויסשלאג. ווען די סימפטאמען ערשיינען – שוואכקייט, קאפווייטאג, געלענק שמערצן, פיבער, שווינדלונג, אד"ג – און מען טעסט גלייך פאר ליים (פאר'ן פרובירן וויטאמינען אד"ג), קען מען עס נאך דערכאפן און אויסהיילן בעז"ה. אויב, אבער, מען באהאנדלט עס נישט באצייטנס, קען עס ווערן א בוכשטעבליך פארשלעפטע קרענק וואס קען דויערן חדשים אדער יארן אויסצוהיילן.

די סימפטאמען פון כראנישער ליים דיזיז זענען אזוי פארשידן ווייל די באקטעריע קען אנגרייפן סיי וועלכן ארגאן: דער קערפער, דער מאגן, די מוסקלען, דער מח, דאס הארץ, די ביינער. עס קען אפילו ברענגען די זעלבע סימפטאמען ווי ערנסטע מחלות, א שטייגער פארקינסאנ'ס, מולטיפל סקלעראסיס, פיבראמיאלגיע, רומאטויד ארטרייטיס, און אין זעלטענע פעלער גייסטיגע מחלות ל"ע. די סימפטאמען קענען ערשיינען וואכן, חדשים, אדער אפילו יארן נאכ'ן ביס, און קענען אויך גיין און קומען איינמאל און נאכאמאל.

### דער דיאגנאז

רוב דאקטוירים גייען לויט די אנגענומענע פארשריפטן, וועלכע דיאגנאזירן ליים דיזיז נאר אויב אלע נומערן ווייזן פאזיטיוו (צוויי פון די ספעציפישע IGM BANDS און פינף פון די IGG BANDS). אויך מאכן זיי קודם א שוואכע טעסט (ELISA), און נאר אויב עס ווייזט פאזיטיוו מאכן זיי א מער פארלעסליכע טעסט (WESTERN BLOT).

## די באהאנדלונג

די אנגענומענע מעדיצינישע שיטה איז צו פארשרייבן אנטיביאטיק אויף איין חודש. אין שווערע פעלער קען מען אויך געבן אינטערווינוס אנטיביאטיק דריי וואכן. אויב די סימפטאמען ווערן נישט בעסער, וועלן דאקטוירים און עסקנים אויסשליסן ליים און שיקן דעם פאציענט צו א פסיכיאטער, אדער אן אנדער דאקטאר.

געציילטע דאקטוירים, וועלכע האבן געזען דעם חורבן פון כראנישער ליים ביי זייערע פאציענטן, ביי זייערע נאנטע קרובים, אדער ביי זיך אליין, האבן געשאפן אן ארגאניזאציע (ILADS – "אינטערנאציאנאלע ליים און פארבונדענע קראנקהייטן") דאס צו באקעמפן. לויט זייער שיטה איז מעגליך אז א פאציענט זאל האבן ליים דיזיז אפילו נאר ווען עטליכע נומערן ציינגן אויף די בלוט טעסטס. אויך ניצן זיי לכתחילה די בעסערע בלוט טעסט. די באהאנדלונג, סיי מיט אנטיביאטיק און סיי מיט נאטירליכע מיטלען צו שטארקן דעם אפגעשוואכטן קערפער (ביידע זענען קריטיש וויכטיג!), אונטער פארזיכטיגער מעדיצינישער אויפזיכט, גייט אן ביז דער פאציענט איז פולקאם געזונט בעז"ה.

בערך 75% ליים פאציענטן וועלכע ווערן דיאגנאזירט און באהאנדלט באצייטנס, ווערן פולקאם אויסגעהיילט מיט א חודש אנטיביאטיק. אויב מען האט נאך סימפטאמען נאכ'ן ענדיגן די אנטיביאטיק, זאל מען גיין צו אן ILADS דאקטער פאר באהאנדלונג.

## די נאכווייען

א טיק קען אויך ברענגען אנדערע סארטן באקטעריע, וועלכע פאדערן אן אנדער סארט אנטיביאטיק, צ"ב אויב עס בייסט נאך א חי'לע איידער עס בייסט דעם מענטש. טייל טיקס האבן בכלל נישט ליים, נאר די אנדערע באקטעריעס. דאס זענען די "פארבונדענע קראנקהייטן" וועלכע ווערן געטעסט דורך ILADS דאקטוירים.

די אינפארמאציע איז בלויז אן איבערבליק אויף דער קראנקהייט; עס איז נישט קיין ערזאץ פאר מעדיצינישער ראט און באהאנדלונג. פאר סיי וועלכע פראגן, הילף און חיזוק, קען מען זיך פארבינדן מיט "יש תקוה": 1347-389-5963.

שוועל. סוכות האט זי אביסל געהינקעט. מסתמא די נייע יום טוב'דיגע שיך וואס דריקן אביסל. אבער פארוואס ליגט דאס קינד אזויפיל אויף דער סאפע אנשטאט זיך צו שפילן?

ווען גיטי האט זיך אויפגעוועקט אינמיטן נאכט מיט יסורים אין עלנבויגן, און די צווייטע נאכט מיט א געוויין אז איר קני טוט וויי, האט די מאמע איר גענומען צו אן ארטאפעדישן דאקטאר. די עקס-רעיס האבן געוויזן אז די ביינער זענען בסדר.

דער קינדער דאקטאר האט דורכגעפירט א רייע בלוט טעסטס, און די רעזולטאטן האבן געוויזן ליים דיזיז. נאך די אנגענומענע דריי וואכן אנטיביאטיק, איז דאס געשווילעכץ ביי די געלענקן בעסער געווארן. באלד נאכ'ן אויפהערן די מעדיצין, איז עס צוריקגעקומען.

"דאס האט מסתמא מער נישט צו טון מיט די ליים, ווייל זי האט שוין געענדיגט די באהאנדלונג דערפאר," האט דער דאקטאר געזאגט.

אן אינפעקציע ספעציאליסט אין וועסטשעסטער האט אויך נישט געוואוסט פעסטצושטעלן אויב ס'איז ליים אדער נישט. "מיר וועלן איר לייגן דריי וואכן אויף שטארקע אנטיביאטיק איינשפריצונגען. ליים דיזיז קען נישט איבערלעבן אזא דאזע, אזא לאנגע צייט. טאמער ס'היילט זיך נישט פון דעם, איז א סימן אז ס'איז עפעס אנדערש."

בלית ברירה האבן די עלטערן מסכים געווען. ווען די סימפטאמען זענען געבליבן, האט דער דאקטאר ערקלערט אז ס'איז אוממעגליך צו זיין ליים דיזיז.

"וואס דען איז עס?!" האבן די דערשראקענע עלטערן געפרעגט.

"זאגט אייער טאכטער אז זי איז געזונט און שטארק, וועט זי זיך שפירן געזונט און שטארק! ס'איז מסתמא נאר אין מח. זאגט איר אז א זיבן יעריג קינד דארף שפילן, לויפן, שפרינגען - נישט ליגן אויפ'ן קאוטש ווי אן אלטע באבע!"

די קלוגע עצה האט נישט צופיל געהאלפן. דאס קינד האט זיך געמוטשעט מיט שוואכקייט און יסורים ביז השי"ת האט זיי דערלויכטן די אויגן און זיי זענען אנגעקומען צו א ליים דיזיז ספעציאליסט.

"רוב מענטשן וואס ווערן דיאגניזירט מיט ליים דיזיז גלייך נאך א ביס פון א טיק, ווערן טאקע אויסגעהיילט מיט א חודש אנטיביאטיק," האט דער דאקטאר ערקלערט. "אבער אויב מען דערכאפט עס נישט באצייטנס, ווערט דער אימיון סיסטעם אפגעשלאסן, און איין חודש פון אנטיביאטיק, אדער אפילו דריי וואכן אין די אדערן, איז נישט גענוג." דער דאקטאר האט פארשריבן עטליכע מעדיצינען אויף א פאר חדשים, און דאס פארוועלקטע בלומעלע האט גענומען צוריק אויפבליען. היינט שפרינגט זי שוין ווידער מיט אירע חבר'טעס איינדרויסן אנשטאט צו "ליגן אויפ'ן קאוטש ווי אן אלטע באבע".

*

א ווארט פאר אונזערע ליינער:

דער ערשטער שריט צו פארמיידן כראנישער ליים דיזיז איז צו זיין אויפמערקזאם אויף דער מעגליכקייט פון ליים דיזיז, ספעציעל די וואס וואוינען אויסער'ן שטאט אדער ווילן זומער אין קעמפ אדער קאנטרי. וואס פריער מען כאפט די מחלה, און וואס שנעלער מען באהאנדלט עס, אלץ גרינגער איז ארויסצוקריכן דערפון מיט א רפואה שלימה בעז"ה. ליים דיזיז איז לעצטנס זייער פארשפרייט, ביי יונג און אלט. אויב מען זעט א קייט פון מאדנע סימפטאמען, זאל מען באלד מאכן א פארלעסליכע בלוט טעסט (זע קעסטל).

אונזערע קורצע מעלדונגען וועגן ליים דיזיז אין דער פארגאנגענהייט האבן שוין געברענגט פיל ליידנדע צו "יש תקוה", אבער פיל ליידן נאך ווייטער אומזיסט. זעט צו פארשפרייטן די אינפארמאציע פאר וועמען איר קענט. מלמדים און לערערינס, זייט אויפמערקזאם! אויב א קינד איז פארשלאפן, פאר'חלומ'ט, צוגעלייגט, פרעגט אויס די עלטערן אויב ער אדער זי איז אלעמאל אזוי געווען. אפילו אויב דער טויש איז פארגעקומען יארן צוריק, דארף מען פארדעכטיגן די שטילע מחלה וואס מאכט חרוב אזויפיל לעבנס ה"י.

רשות ווערט געגעבן פון ר"ח כסלו תשע"ה צו קאפירן דעם ארטיקל, מיט דער באצייכענונג אז דאס איז גענומען פון מעלות. והסירותי מחלה מקרביך.